ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# בלק

אידיש

**540**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ארבעים

## • בלק •

אין דעם פרק ווערט ערקלערט פערציג זאַכן, וואָס העלפן צום גוף און צו דער נשמה, פון ספר יש נוחלין, ווי אויך פון אַנדערע ספרים.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס״ד

# אינהאַלט
## פון פערציגסטער פרק


א. אַ מעשה מיט אַ רשע וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ זון אַ רשע, און אַ חכם האָט מיט אים געלערנט און דורך דעם האָט ער אַריינגעברענגט דעם פאָטער אין גן עדן ........ ג

ב. תפילה און צדקה פאַרן נפש פון רשע וועלכער איז שוין געשטאָרבן, העלפט נישט, אָבער ווען אַ זון איז מתפלל און גיט צדקה פאַר זיין פאָטער, העלפט עס יאָ, דעריבער זאָל אַ זון טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך כדי צו ברענגען דעם פאָטער צו חיי עולם הבא........ ד

ג. דער חיוב פון מוסר זאָגן אין אַ איסור תורה און אין אַ איסור דרבנן ........ ה

ד. אין דעם ענין פון ענטפערן ״אמן יהא שמי׳ רבא״ און קדושה ........ ה

ה. ביים בענטשן זאָל ער טראַכטן אַז ער בענטשט צום באַשעפער וואָט האָט אים באַשאַפן, און נישט בענטשן בלויז פון געוואוינהייט........ ו

ו. פאַרין דאַווענען זאָל דער מענטש פאַרריכטן אַלע זאַכן וועלכע האַלטן אָפּ זיינע בקשות פון אָנגענומען ווערן, און אויך פאַר יעדער מצוה זאָל ער צוגרייטן זיין מחשבה פריער........ ו

ז. אַ תפילה איידער מען שרייבט אַ מצוה ........ ז

ח. די סגולה פון פרשת המן. פאַרוואָס זענען דאָ מענטשן וועלכע היטן אָפּ מצות וואָס זייער שכר איז אויף דער וועלט און זיי קריגן עס נישט, און פון דער אַנדער זייט זענען פאַראַן מענטשן וועלכע טוען עבירות וואָס זייער שטראָף קומט אויף דער וועלט און זיי קריגן עס נישט – עטליכע ענטפערס אויף דעם........ ז

ט. יעקב אבינו עליו השלום האָט מורא געהאַט טאָמער האָט ער געזינדיגט, וועט דער צוזאָג פון השם יתברך נישט מקויים ווערן ........ ט

י. עטליכע זאַכן וואָס דער מענטש איז זוכה, ווען ער לערנט פרשת הקרבנות........ י

יא. אַ סגולה ער זאָל נישט זען קיין קרי........ י

יב. אויב עס איז אַרויס פון אים אַפילו נישט ווילנדיג, זאָל ער זיך גלייך טובל זיין און נישט וואַרטן. ........ י

יג. וויבאַלד אַ מענטש ווייסט נישט זיין צייט, ווען ער וועט שטאַרבן, זאָל ער גלייך תשובה טאָן און נישט וואַרטן ........ יא

יד. איידער ער גייט שלאָפן זאָל ער מאַכן אַ חשבון הנפש און זיך מתוודה זיין ........ יא

טו. אַז ער גייט אַריין צו אַ קראַנקן זאָל ער אים דערמאַנען, אַז ער זאָל דורכטראַכטן זיינע מעשים. ........ יב

טז. איינס פון די צוואות פון הגאון ר׳ שעפטיל ז״ל צו זיינע טעכטער און שנורן ........ יג

יז. אַ מענטש זאָל זיך קויפן גוטע פריינד ........ יג

יח. דער מענטש זאָל נישט טאָן זאַכן גיך און געאיילט, נאָר ער זאָל פאָראויס זען דעם צוקונפט... יד

יט. די מעלות פון בטחון ........ טו

כ. דער מענטש זאָל זיך גוט איינקוקן אין אַלע זיינע מעשים, צו עס איז נישטאָ אין זיי קיין עבירה. ........ טז

כא. דער מענטש זאָל מקיים זיין מצוות מיט אַלע פרטים און דקדוקים. – אָפּענע תוכחה צו די וועלכע זאָגן אַז מען דאַרף נישט מקיים זיין מילי דחסידי........ טז

כב. זאַכן וואָס מען טאָר נישט טאָן צוליב סכנה........ יח

כג. דער וואָס לעשט אויס אַ ליכט מיט׳ן מויל ווערט שטאַרק געשטראָפט (כל בו)........ יח

כד. קעגן די וועלכע טרינקען זיך אָן, און ווי אַזוי זיך צו אָפּצוגעוואוינען דערפון. ........ יט


❖ ❖ ❖

# פרק ארבעים

**א. יתפתחו האזנים,** עס זאָלן זיך עפענען די אויערן און די אויגן פון דעם מענטשן צו הערן און זען דאָס וואָס איך וועל שרייבן אין דעם פרק, אַזעלכע ענינים וואָס העלפן צום גוף און צו דער נשמה, און בפרט אַ תיקון פאַר די מתים אויסצולייזן זייער נשמה פון גיהנם. דעריבער זאָל עס דער מענטש לערנען, און זיינע אברים וועלן ציטערן און נישט זינדיגן, און אויב ער האָט געזינדיגט וועט ער דאָס מתקן זיין.

## אַ מעשה מיט אַ רשע וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ זון אַ רשע, און אַ חכם האָט מיט אים געלערנט און דורך דעם האָט ער אַריינגעברענגט דעם פאָטער אין גן עדן

**איתא,** עס ווערט געברענגט אין מדרש הנעלם אויף רות, עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, אַז מען האָט באַשטראָפט אַ רשע מיט גרויסע יסורים אין גיהנם, און ער האָט געלאָזט אַ זון אַ רשע, און אַ חכם האָט אים אַריינגעבראַכט אין בית המדרש און האָט מיט אים געלערנט תורה, איז דער מת געקומען צום חכם אין חלום, און האָט אים געזאגט אַז פון דעם טאָג אָן ווען מיין זון האָט נאָר געוואוסט איין פסוק, האָט ער מיר גרינגער געמאַכט מיין שטראָף, ווען ער האָט געלייענט קריאת שמע האָט מען פון מיר צוגענומען דעם שטראָף, סיי בייטאָג סיי ביינאַכט איין מאָל, ווייל מען משפט די רשעים אין גיהנם זיבן מאָל יעדן טאָג, דריי מאָל בייטאָג און פיר מאָל ביינאַכט, און ווען ער האָט זוכה געווען צו לערנען גמרא ביי אַ מלמד, האט מען מיך שוין מער נישט באַשטראָפט, און אַז ער איז שוין געוואָרן אַ תלמיד חכם, און מען האָט אים גערופן רבי, האָט מען מיר געברענגט אַ שטול צווישן די צדיקים אין גן-עדן צו זיצן אויף איר, און יעדער טאָג וואָס ער איז מחדש אַ פשט אין דער תורה, באַקרוינט מען מיך מיט אַ

חשוב׳ן קרוין. וואויל איז דעם וועלכער לאָזט אַ זון אויף דער וועלט וואָס איז עוסק אין תורה.

**תפילה און צדקה פאַר׳ן נפש פון רשע וועלכער איז שוין געשטאָרבן, העלפט נישט, אָבער ווען אַ זון איז מתפלל און גיט צדקה פאַר זיין פאָטער, העלפט עס יאָ, דעריבער זאָל אַ זון טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך כדי צו ברענגען דעם פאָטער צו חיי עולם הבא.**

**ב. כתב,** דער "**ספר חסידים**" שרייבט, די תפלה און צדקה וואָס איינער טוט פאַר אַ נשמה העלפט נישט, דאָס איז נאָר גערעדט וועגן אַ פרעמדן, אָבער אַ זון וואָס איז מתפלל און גיט צדקה פאַרן פאָטער העלפט עס יאָ, און מכל שכן אַז זיין פאָטער האָט געלאָזט אַ צוואה, אַז ער זאָל טאָן פאַר זיינעט וועגן תפלה און צדקה, העלפט דאָס נאָך פיל מער, און דערמיט איז ער מקיים כיבוד אב, און בפרט אין שבעה און שלושים אויב ער איז זיך עוסק אין לערנען, תפילה און צדקה, האט ער זיכער כוח זיי אויפצובינדן פון די יסורים און שטראָף פון גיהנם, ווי אַ פאָטער האָט רחמנות אויף זיין קינד, זאָל דער זון רחמנות האָבן אויף די נשמה פון זיין פאָטער און זיין מוטער, און טאָן מיט זיי אַ גמילות חסד של אמת, ווי עס שטייט אין זוהר, אַז נאָך זייער טויט איז דער זון נאָך מער מחוייב מקיים צו זיין כיבוד אב ואם, און אַזוי אויך זאָל טאָן אַ תלמיד צו זיין רבי׳ן, וואָס איז פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן זיין כבוד מער ווי דעם כבוד פון זיין פאָטער, און ער זאָל נישט זיין קיין כפוי-טובה צו זיין רבי׳ן וואָס ער האָט מיט אים געלערנט, זאָל דער תלמיד אים מציל זיין פון גיהנם, און זאָל אים ברענגען צו חיי עולם הבא.

## דער חיוב פון מוסר זאָגן אין אַ איסור תורה און אין אַ איסור דרבנן

**ד. ענין,** דער ענין וואָס איינער איז פאַרפליכטעט צו זאָגן מוסר און וואָרענען דעם צווייטן איז אַזוי. אַ זאַך וואָס מען טאָר עס נישט טאָן מדרבנן, און מיר ווייסן אַז אַפילו מען וועט אים שטראָפן וועט ער נישט מקבל זיין, דעמאָלט זאָלסטו אים נישט זאָגן, זאָל ער בעסער טאָן די עבירה בשוגג, איידער ער זאָל עס טאָן במזיד. אָבער א זאַך וואָס שטייט בפירוש אין תורה אַז מען טאָר עס נישט טאָן, זאָל ער זאָגן אַפילו הונדערט מאָל ביז זיי וועלן זיך אָפּקערן פון דעם נישט גוטן וועג.

## אין דעם ענין פון ענטפערן "אמן יהא שמי' רבא" און קדושה

**ד. בענין,** אין דעם ענין פון קדיש און קדושה שטייט אין רוקח פון דעם מדרש, אַז בשעת די אידן ענטפערן "אמן יהא שמי' רבא" זאָגט השם יתברך, ווען וועל איך שוין איינזאַמלען די איבערגעבליבענע אידן.

**ה. ואיתא,** און עס ווערט געברענגט אין **"שיבולי הלקט"** אין נאָמען פון מדרש, השם יתברך זאָגט, בשעת מיינע קינדער זאָגן דריי מאָל קדוש, דערמאָן איך זייער גלות און אייל צו זייער גאולה.

**ובמסכת,** און אין מסכת ברכות זאָגט די גמרא, השם יתברך זאָגט, דער וואָס דאַוונט בציבור רעכן איך אים גלייך ווי ער וואָלט אויסגעלייזט מיין שכינה כביכול און מיינע קינדער פון גלות.

**ביים בענטשן זאָל ער טראַכטן אַז ער בענטשט צום באַשעפער וואָס האָט אים באַשאַפן, און נישט בענטשן בלויז פון געוואוינהייט**

**ו. בענין,** דער וואָס ווייסט כוונות פון די ברכות, זאָל ער נישט זאָגן קיין ברכה אָן כוונה, און דער וואָס ווייסט נישט זאָל ער טראַכטן אַז ער לויבט השם יתברך וואָס האט עס באַשאַפן. ער זאָל אָבער נישט מאַכן קיין ברכה בלויז פון געוואוינהייט, מיט'ן מויל אָן די האַרץ.

**פאַר'ן דאַווענען זאָל דער מענטש פאַרריכטן אַלע זאַכן וועלכע האַלטן אָפּ זיינע בקשות פון אָנגענומען ווערן, און אויך פאַר יעדער מצוה זאָל ער צוגרייטן זיין מחשבה פריער.**

**ז. בענין,** אַז דער מענטש וויל עפּעס בעטן פון השם יתברך, זאָל ער פריער פאַרריכטן די זאַכן וועלכע האַלטן אָפּ זיינע בקשות פון אָנגענומען ווערן, ער זאָל פריער תשובה טאָן אויף זיינע זינד, ווייל, עס איז נישט מעגלעך אַז השם יתברך וועט טאָן וואָס דער מענטש בעט ביי אים, אין דער צייט ווען ער געפינט זיך אין זיין טומאה. דאָס איז גלייך צו איינעם וואָס בעט אַ זאַך ביים קעניג און ברענגט מיט זיך מקטרגים. און אין יעדער מצוה, איידער ער טוט די מצוה, זאָל ער זיך מיישב זיין אין האַרץ צו טאָן די מצוה פאַר השם יתברך, דאָס הייסט, אַז ער לייגט תפילין אָדער טוט אָן ציצית, און דאָס גלייכן, זאָל ער פריער ביי זיך טראַכטן צו טאָן די מצוה מקיים צו זיין דאָס געבאָט פון דעם באַשעפער. אויך זאָל ער טראַכטן ביי יעדן מצוה צו רייניגן זיינע אברים, דהיינו, ביים אָנטאָן ציצית אָדער תפילין מיט די הענט, זאָל ער טראַכטן צו רייניקן די זינד און דעם פגם וואָס ער האָט געמאַכט מיט די הענט, און אַזוי זאָל ער מכוין זיין ביי יעדער מצוה.

## אַ תפילה איידער מען שרייבט אַ מצוה

**ח. ומצאתי,** ווען אַ מענטש שרייבט אַ מצוה, זאָל ער זאָגן: "יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו שיהא חשוב ומקובל לפניך כתיבת מצוה זו שהיא כך וכך כאילו קיימתי אותה כהלכתה בכל תנאי' ופרטותי', ויהא מתוקן אותו האבר מרמ"ח אברים שמרמזת מצוה זו מרמ"ח מ"ע עליו, כדי שאזכה לעלות למעלה למקום שמצוה זו מרמזת שם בעולם העליון ולחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו". – עס זאָל זיין דער ווילן פון השם יתברך, מיין גאָט, און דער גאָט פון מיינע עלטערן, אַז דאָס וואָס איך שרייב די מצוה, זאָל ביי דיר גערעכנט זיין גלייך ווי איך בין זי מקיים מיט אַלע תנאים און פרטים, און דער אבר פון מיינע רמ"ח אברים וואָס די מצוה איז מרמז קעגן איר, זאָל ער זיין מתוקן.

**ט. ואם כן,** אויב אַזוי, ווען ער איז מקיים אַ מצוה בפועל מיט כוונה, ווען אַפילו ער ווייסט נישט אירע אַלע סודות, איז דאָך זיכער אַז זיינע אברים ווערן ריין און הייליק און זיי ווערן אַ מרכבה צו די קדושה העליונה ווי עס שטייט אַז די האבות זיי זיינען די מרכבה, און דאָס איז נאָר אין פאַל ווען פאַר'ן טאָן די מצוה האָט ער פאַראָכטן דעם חטא פון די אברים און האָט פולקאָם תשובה געטאָן.

**די סגולה פון פרשת המן. פאַרוואָס זענען דאָ מענטשן וועלכע היטן אָפּ מצות וואָס זייער שכר איז אויף דער וועלט און זיי קריגן עס נישט, און פון דער אַנדער זייט זענען פאַראַן מענטשן וועלכע טוען עבירות וואָס זייער שטראָף קומט אויף דער וועלט און זיי קריגן עס נישט – עטליכע ענטפערס אויף דעם.**

**י. כתב,** דער "**רבינו בחיי**" שרייבט, עס איז אַ קבלה ביי די חכמים, אַז יעדערער וועלכער זאָגט די פרשה פון מן אַלע טאָג וועט אים קיין מאָל נישט פעלן קיין עסן, און די סגולה איז צו זאָגן די פרשה

צוויי מאָל מקרא און איין מאָל תרגום, און ווען ער זאָגט די פּרשה אַלע טאָג און ער האָט פאַרט נישט קיין פרנסה, איז דאָס פון זיין טובה וועגן, און זיין שכר וועט ער באַקומען אויף יענער וועלט, וואָס קיין אויג האט זי נישט געזען, נאָר השם יתברך אַליין.

**והנה,** און מיר דאַרפן אַביסל מער מפרש זיין די זאַך. אין אַלע מצוות און ענינים פון תורה וואָס שטייט געשריבן ביי דעם וואָס דער שכר איז דערויף אויף דער וועלט. פונדעסטוועגן זעען מיר אָבער אַסאַך מאָל, דאָס מען איז מקיים די מצוות און מען איז אויך מהדר אין זיי, און דער שכר וואָס קומט נישט. און איך האָב צו זיך צוויי באַגלייבטע עדות, ר׳ יהודה בר אילעי און רב יהושע בן חנני׳, פאַר אַ ביישפיל לגבי אַנדערע זאַכן. עס שטייט אין גמרא, אַז דער וועלכער איז אָפּגעהיטן אין די מצוה פון ציצית איז זוכה צו שיינע קליידער, און אָט די חסידים און אנשי מעשה אין די צייט פון רבי יהודה בר אילעי האָבן נישט געהאַט קיין קלייד זיך אָנצוטאָן, נאָר מיט איין קלייד האָבן זיך זעקס תלמידי חכמים צוגעדעקט. אויך שטייט געשריבן אַז דער וועלכער איז אָפּגעהיט אין די מצוה פון מזוזה איז זוכה צו אַ שיינע וואוינונג, און אָט זעען מיר אַז ר׳ יהושע בן חנני׳, וואָס אויף אים שטייט ״אשרי יולדתו״, האָט נישט געהאַט קיין שיינע וואוינונג. אויך זענען דאָ פיל זאַכן וואָס אונזערע חכמים ז״ל זאָגן, אַז דער וואָס טוט עס ווערט אַזוי געשטראָפט, צום ביישפיל, איינער וואָס גרינגשעצט אין נטילת ידים ווערט געשטראָפט מיט אָרעמקייט, און אַזוי איז דאָ אַסאַך זאַכן, און מיר זעען פיל מאָל אַז אַ מענטש איז עובר אויף די זאַכן און ווערט נישט געשטראָפט.

**יא. אמנם,** נאָר דער תירוץ איז אַזוי, דער כלל איז, די חכמים האבן אונז געלאָזט וויסן, אַז דער וואָס איז מקיים די מצוה איז ראוי, אַז זיין שכר זאָל זיין אַזוי, אויך דער וואָס איז עובר אויף דער עבירה איז ווערד, אַז זיין שטראָף זאָל זיין אַזוי, נאָר אויב ער פירט זיך אויף גוט פאַר השם יתברך, שטראָפט ער אים אויף דער וועלט כדי ער

זאָל נישט געשטראָפט ווערן אויף יענער וועלט, און אַ טייל מאָל באַקומט ער זיין שטראָף הערשט אויף יענער וועלט, אַזאַ סאָרט שטראָף וואָס ער וואָלט געדאַרפט באַקומען אויף דער וועלט פאַר יענע עבירה, און דאָס זעלבע אַנטקעגן דעם שכר, אַמאָל געפעלט השם יתברך ער זאָל דעם מענטש׳ן אָפּגעבן זיין שכר אויף דער וועלט, און אַמאָל געפעלט אים אַז דער שכר וואָס ער וואָלט באַדאַרפט באַקומען אויף דער וועלט, גיט ער אים עס אויף יענער וועלט. השם יתברך וואָס ער איז גוט צו אַלעמען, און זיין רחמנות איז אויף אַלע זיינע באַשעפענישן, ער ווייסט ווי אַזוי פאַר דעם מענטש איז בעסער און אַזוי טוט ער.

## יעקב אבינו עליו השלום האָט מורא געהאַט טאָמער האָט ער געזינדיגט, וועט דער צוזאָג פון השם יתברך נישט מקויים ווערן

**יב. גם**, נאָך אַ תירוץ, ווען אַ מענטש טוט אַ מצוה וואָס די חכמים האָבן געזאָגט וואָס זיין שכר איז, באַצאָלט זיכער השם יתברך אויף דער וועלט, ווי די חכמים האָבן געזאָגט, נאָר זיינע זינד האַלטן אָפּ דעם שכר, ווי יעקב אבינו ע״ה, נאָך דעם ווי השם יתברך האָט צוגעזאָגט אים צו היטן, האָט ער זיך פאָרט געשראָקן טאָמער האָבן די זינד גורם געווען אַז די צוזאָגן זאָלן נישט מקויים ווערן, ווי דער פסוק זאָגט, אייערע זינד האָבן פאַרמיטן דאָס גוטס פון אייך.

**וכן**, און אַזוי איז אויך ביי די עבירות, וואָס די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט וואָס זייער שטראָף איז, ווערט ער זיכער באַשטראָפט מיט דעם שטראָף, נאָר אַמאָל האָט דער מענטש עפעס אַ זכות, וואָס האַלט אויף זיין שטראָף אויף ווייטער, און עס איז דאָ אַ זכות וואָס האַלט אָפּ זיין שטראָף איין יאָר, און אַמאָל צוויי יאָר, און אַמאָל האָט ער אַ זכות וואָס איז אין גאַנצן מבטל דעם שטראָף פון דעם זינדיגן.

**עטליכע זאַכן וואָס דער מענטש איז זוכה, ווען ער לערנט פרשת הקרבנות.**

**יג. בענין**, די חכמים האָבן געזאָגט, אַז דער וועלכער לערנט די פרשיות פון קרבנות איז גלייך ווי ער בויט אַ מזבח און איז מקריב קרבנות אויף אים און השם יתברך איז אים מוחל די זינד און ער ווערט ניצול פון ב״יזע באַשעפענישן.

**אַ סגולה ער זאָל נישט זען קיין קרי**

**יד. דבר**, אַ סגולה אויף נישט צו זען קיין קרי, זאָל ער זאָגן אַכצן מאָל דעם פסוק ״**ויאמר ה׳ אל השטן יגער ה׳ בך השטן ויגער ה׳ בך הבוחר בירושלים הלא זה אוד מצל מאש**״, און דעם פסוק ״**גד גדוד יגודנו והוא יגוד עקב**״ זאָל ער זאָגן דריי מאָל ווי עס שטייט, און דריי מאָל צוריק דהיינו ״**עקב יגוד והוא יגודנו גדוד גד**״, און זאָל זאָגן ״**שיר למעלות אשר עיני אל ההרים וגו׳**״, און זאָל מכוין זיין אין די פינף אָנהייב ווערטער וואָס שטייען נאָך די פינף שמות, דהיינו, ביי דעם ערשטן שם שטייט ״**עזרי מעם ה׳ עושה שמים וארץ**״, זאָל ער מכוין זיין אין דעם ע׳, וואָס זי שטייט נאָך דעם שם, און די אַלע פינף אָנהויב ווערטער וואָס זיי שטייען נאָך די שמות, איז אַ הייליגער שם, און דאָס אַלץ זאָל ער זאָגן נאָך קריאת שמע און זאָל זיין זייער אָפּגעהיט ער זאָל נאָך דעם גאָר נישט רעדן, און נישט טראַכטן קיין שום שלעכטן הרהור.

**אויב עס איז אַרויס פון אים אַפילו נישט ווילנדיג, זאָל ער זיך גלייך טובל זיין און נישט וואַרטן.**

**טו. אתם**, איר מיינע קינדער, אויב עס האָט זיך אייך געטראָפן, אַז איר האָט חס ושלום רואה קרי געווען, אפילו באונס, זאָלט איר זיין אָפּגעהיט גלייך זיך צו ריייניגן, אַז איר זאָלט זיך טובל זיין אין אַ מקוה, און איר זאָלט חס ושלום אין דעם נישט מקיל זיין. ווייל טאָמער וועט ער ח״ו שטאַרבן, און זיין טומאה איז נאָך אויף אים,

וועלן זיך צו אים צוטשעפּען די טומאות פון דער סטרא אחרא, און וועלן אים ח״ו אַוועקנעמען פון יענער וועלט, דעריבער, זאָל ער זיך גלייך טובל זיין אין מקוה און זאָל די טבילה נישט אָפּלייגן.

## וויבאַלד אַ מענטש ווייסט נישט זיין צייט, ווען ער וועט שטאַרבן, זאָל ער גלייך תשובה טאָן און נישט וואַרטן

**טז. האיש** דער מענטש וואָס פאָלגט נאָך די רייד פון השם יתברך, זאָל ער שטענדיג געדענקען זיין סוף, און זאָל נישט וואַרטן ביז ער וועט קראַנק ווערן, ווייל, קיין מענטש ווייסט נישט זיין צייט, און ער איז נישט פאַרזיכערט יעדער רגע, ווי מיר ווייסן, אַז עס פּאַסירט אַז מען קען פּלוצלונג שטאַרבן, און דעמאָלט וועט ער זיכער חרטה האָבן וואָס ער האָט פריער נישט תשובה געטאָן, דעריבער, זאָל עס דער מענטש געדענקען יעדן טאָג און יעדן שעה, און ווער ווערט אָנגערופן אַ חכם, דער וואָס זעט פאָרויס וואָס עס קען אים דערנאָך געשען, דעריבער, זאָל ער דאַנקען השם יתברך פאַר זיין חסד, יעדן טאָג און יעדן שעה וואָס ער איז געזונט, און האָט כוח און די מעגלעכקייט צו פאַריכטן אַלע זיינע מעשים מיט ווידוי און תשובה.

**גם,** אויך זאָל ער אויסשטעלן אַ צוואה ווען ער איז נאָך געזונט, טאָמער שטאַרבט ער חלילה פּלוצלונג.

## איידער ער גייט שלאָפן זאָל ער מאַכן אַ חשבון הנפש און זיך מתוודה זיין

**טז. אנכי,** איך זאָג אייך, אַז איר זאָלט שטענדיג טראַכטן וועגן אייערע מעשים. דער זוהר שרייבט אַז אַלע נאַכט איידער דער מענטש לייגט זיך שלאָפן, דאַרף ער דורכטראַכטן אַלע זיינע מעשים וואָס ער האָט געטאָן דעם גאַנצן טאָג, און זאָל אויף זיי תשובה טאָן, און בעטן ביי השם יתברך ער זאָל אים מוחל זיין. און דאָס זאָל נישט זיין גרינג ביי דעם מענטשן, און זאָל נישט זאָגן ביי זיך אַז עס איז נישט אַזוי געפערלעך, וואָס האָב איך שוין געטאָן, האָב איך דען

געהרג׳ט, אָדער מזנה געווען, אָדער ביי איינעם עפּעס גע׳גנב׳עט, אָדער פאַלש געשוואוירן, אויף וואָס זאָל איך תשובה טאָן. זאָל ער אַזוי נישט זאָגן, ווייל אַז ער וועט זיך ריכטיג איבערקלערן זיינע מעשים וועט ער זיכער געפינען אַן עבירה וואָס ער האָט געזינדיגט מיט זיין גוף, דורך רעדן אָדער טראַכטן, אָדער דורך טאָן, פאַר השם יתברך אָדער פאַר מענטשן, אָדער ער האָט זיך געפוילט און נישט געלערנט ווי עס דאַרף צו זיין, וואָס די זינד פון ביטול תורה באַשטייט אַנטקעגן אַלע עבירות. דאָס זעלבע ווי דער שכר פון לערנען תורה איז גרעסער פון אַלע מצוות, אַזוי איז אויך די שטראָף פון דעם וועלכן לערנט נישט קיין תורה ווען ער האָט צייט, גרעסער פון אַלע עבירות, אָדער ער האָט אַ מצוה מקיים געווען נישט ווי עס דאַרף צו זיין, און ער וועט געפינען אַז ער האָט עובר געווען אויף עבירות וואָס רוב מענטשן זענען אויף דעם עובר, און עס איז ביי זיי שוין אין גאַנצן נישט גערעכנט פאַר קיין עבירה.

## אַז ער גייט אַריין צו אַ קראַנקן זאָל ער אים דערמאַנען, אַז ער זאָל דורכטראַכטן זיינע מעשים.

**יז. הנכנס,** ווען אַ מענטש גייט אַריין באַזוכן אַ קראַנקן, זאָל ער אים דערמאַנען, אַז ער, דער חולה, זאָל דורכטראַכטן זיינע מעשים, און זאָל אויף זיי חרטה האָבן, און זאָל בעטן מחילה פון יעדן מענטש וואָס ער האט קעגן אים געזינדיגט, און ער זאָל אויך מוחל זיין יעדען וואָס האָט אַנטקעגן אים געזינדיגט, און זאָל אויסרעכענען, אויב ער איז שולדיג געלט זאָל ער אָנזאָגן מען זאָל באַצאָלן, אויב ער האָט נישט גלייך צו באַצאָלן, און זאָל זיך נישט פוילן צו דעם אַלעם, ווייל זיין קרענק קען שווערער ווערן, און וועט נישט קענען רעדן, און וועט שטאַרבן מיט זיינע זינד, דעריבער, זאָל ער טאָן וואָס דאָ שטייט.

**יח. בענין,** אויף דער לבנה טאָר מען נישט קוקן, אויך נישט אויף

דעם רעגן בויגן, נאָר בשעת מען דאַרף זאָגן די ברכה פון קידוש לבנה, זאָל ער אויף איר אַ קוק טאָן, און אַזוי אויך אויף דעם רעגן בויגן.

## איינס פון די צוואות פון הגאון ר׳ שעפטיל ז״ל צו זיינע טעכטער און שנורן

**יט. אחת,** איינע פון די צוואות וואָס הגאון ר׳ שעפטיל ז״ל האט אָנגעזאָגט זיינע טעכטער און שנורן, למען השם, זיי זאָלן נישט אַריינעמען קיין קליין קינד פאַר צוויי יאָר אין בעט אַריין, נאָר זיי זאָלן עס געבן צו זייגן אין דער וויג, און ווען זיי שוואַנגערן, זאָלן זיי מתפלל זיין אַז זיי זאָלן געבוירן קינדער יראי שמים, און תלמידי חכמים, און זאָלן זיין זייער אָפּגעהיט בענטשן ליכט אין צייט, ח״ו נישט צו פאַרשפּעטיגן, און זאָלן אַלץ טאָן לשם שמים, דאַן וועט זיי השם יתברך בענטשן מיט שלום און מיט פרייד.

## אַ מענטש זאָל זיך קויפן גוטע פריינד

**כ. בענין,** אַ מענטש דאַרף זיך זוכן גוטע פריינד, יראי שמים, וועלכע זאָלן אים פאַרעכטן דאָס וואָס דאַרפן פאַראָכטן ווערן, דורך אַן עצה, ווייל, אַפילו דער קלוגסטער מענטש דאַרף האָבן אַן עצה פון אַ חבר, און זיך היטן פון אַ שלעכטן פריינט, אַ נאַר, אָדער אַן אויפגערעגטער, טאָמער, דורך אים וועט ער קומען צו שאַנד ח״ו, ווייל דער וואָס זיצט צווישן די חכמים ווערט ער ערלעכער, און דער וואָס זיצט צווישן די נאַראָנים ווערט ער פאַרשעמט.

**ואמר,** און דער חכם האָט געזאָגט, אַ קלוגער באַפריינדט זיך נישט מיט קיין מענטש, ביז ער געפינט נישט פריער אויס צו ער איז פאַסיג מען זאָל זיך מיט אים באַפריינדן, און דער פרואוו איז דורך דערצערענען אים, און אַז ער וועט דיר מודה זיין על האמת, אַפילו ווען ער איז אין כעס, דעמאָלט באַפריינד זיך מיט אים, און אויב נישט פאַרלאָז אים.

**כא. כתוב,** אין "**ספר החינוך**" שטייט, אַ פילאָזאָף האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין זון, מיין זון, וויפל פריינד האָסטו דיר געקויפט אין פאַרלויף פון דיין לעבן, האָט דער זון געזאָגט צום טאַטן, איך האָב מיר געקויפט ביז הונדערט פריינד, האָט דער פילאָסאָף געזאָגט, דו זאָלסט נישט גלויבן קיין פריינד ביז דו וועסט אים פריער פרואוון צו איז ער טאַקע דיינער אַ פריינד. איך בין דאָך פריער פון דיר געבוירן, און האָב געקויפט מער נישט ווי אַ האַלבער פריינד, און דו האָסט שוין געקויפט הונדערט, האָט דער זון זיי געפּרואווט, איז נישט געווען אַפילו איינער צווישן זיי אַלע, וועלכער איז בייגעשטאַנען דעם פרואוו, איז דער זון געקומען צום פאָטער און האָט אים געזאָגט, עס איז געשען וואָס דער פילאָסאָף האָט געזאָגט "אַ מענטש האָט אַ סך פריינד, אָבער אין צייט פון נויט זענען זיי ווייניג". דעריבער, האָט דער חכם געזאָגט, דיין סוד איז דיין געפאַנגענער, און אויב דו אַנטדעקסט אים ווערסטו זיין געפאַנגענער. נאָך האָט ער געזאָגט, אַנטפּלעק נישט צו דיין פריינט דאָס וואָס דו באַהאַלטסט פון דיין פיינט, סיידן דו האָסט אים פיל מאָל אויסגעפרואווט אַז ער איז דיר אַ געטרייער פריינט. ווייל, טאָמער וועט ער ווערן דיין פיינט, און וועט אַנטפּלעקן דיין סוד.

## דער מענטש זאָל נישט טאָן זאַכן גיך און געאיילט, נאָר ער זאָל פאָראויס זען דעם צוקונפט.

**כב. אזהרה,** איידער איר טוט אַ זאַך, זאָלט איר זען וואָס דער סוף דערפון וועט זיין, איר זאָלט נישט איילן ביים טאָן זאַכן, נאָר איידער איר טוט אַ זאַך, אַ גרויסע אָדער אַ קליינע, זייט זיך מיישב אויב איר זאָלט עס טאָן צו נישט, און אויף דעם האָבן אונזערע חכמים ז"ל געזאָגט, "ווער ווערט אָנגערופן אַ חכם, דער וועלכער ביים טאָן אַ זאַך זעט ער פאָרויס וואָס דערפון קען אַרויסקומען". ווייל, דער וואָס טוט אַ זאַך איילענדיג, וועט דערפון קיין גוטס נישט אַרויס. אויך האָט דער חכם געזאָגט, אַז דער וואָס לויפט ווערט געשטרויכלט, און

דער וואָס איילט זיך ווערט מיד, און דער וואָס טראַכט איידער ער טוט אַ זאַך, דער וועט עס אַלץ אויסמיידן. נאָך האָט ער געזאָגט, דו זאָלסט נישט טאָן אַ זאַך גיך, ווייל, מענטשן פרעגן נאָר ווי גוט האָט ער געטאָן די זאַך, און זיי פרעגן נישט וויפיל טעג ער האט עס געטאָן. אויך זאָלט איר נישט ענטפערן קיין שום זאַך, ביז איר פאַרשטייט גוט וואָס יענער פרעגט. אויב אַ מענטש וויל טאָן עפעס, וואָס דאַכט זיך אים אַז עס איז גלייך צו טאָן, און אַ טייל ראָטן אים ער זאָל עס טאָן, און אַ טייל ראָטן אים נישט צו טאָן, איז בעסער עס נישט צו טאָן.

## די מעלות פון בטחון

**כג. ענין,** דער ענין פון בטחון איז, אַז השם יתברך שפייזט אַלע וועלכע באַשיצן זיך אין אים, און זיין רחמנות איז איבער אַלע זיינע באַשעפענישן. איר זאָלט נישט גלוסטן אָנצוזאַמלען געלט דורך תחבולות, נאָר איר זאָלט זיך פרייען מיט דעם וואָס השם יתברך גיט אייך, פיל אָדער ווייניג, און ווען אייער פרנסה איז נאָר בצמצום, זאָלט איר טראַכטן אין האַרץ, אַז עס איז גענוג פאַר אונז וואָס מיר לעבן, און השם יתברך לייטערט אויס דעם אָרעמאַן אין אָרעמקייט כדי אים צו באַגיטיגן צום סוף. און ווען השם יתברך וועט אייך רייך מאַכן, און אייך געבן כבוד, זאָלט איר זיך נישט גרויס האַלטן קעגן אייערע ברידער, ווייל, איר ווייסט נישט וואָס מיט אייך קען געשען, די וועלט איז דאָך רונדיג ווי אַ ראָד. און אַפילו אויב איר וואָלט געווען זיכער אַז די עשירות און די כבוד וועט מיט אייך בלייבן, ווי לאַנג איר וועט לעבן, איז דאָס אויך גאָרנישט, ווייל די יאָרן זענען דאָך באַגרעניצט, און אַפילו אויב אַ מענטש זאָל לעבן עטלעכע טויזנט יאָר, וויבאַלד אָבער עס איז דאָ אַ צאָל צו זיינע יאָרן וועלן זיך די יאָרן אויסלאָזן, און עס וועט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן אַז ער איז געווען אויף דער וועלט, און די טעג פון מענטשן גייען אַוועק ווי אַ שאָטן און ווי אַ פויגל וואָס פליען אַוועק שנעל. אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל זיך דער מענטש וואָס איז געגליכן צו הבל, צו גאָרנישט, גרויס האַלטן, און וואָס זענען מיר ווערד

אויב מיר לערנען נישט קיין תורה. דעריבער אַפילו אין אַ גוטן טאָג, אין אַ פֿרייליכן טאָג, זאָלט איר אויך געדענקען דעם טאָג פון טויט, וואָס קען קומען יעדער רגע ח״ו, און איר זאָלט אַריינטראַכטן אין דער שרעק פון טויט און אין די געשעענישן און שטרויכלונגען פון דער וועלט, כדי דאָס זאָל ברענגען איר זאָלט מקיים זיין אַלע מצוות פון השם יתברך, און איר זאָלט נישט זינדיגן, און אַפילו ווען דער מענטש זאָל האָבן גרויס עשירות און גדולה איז דאָס אַלץ הבל, גאָרנישט, נאָר דער עיקר איז די דינסט פון השם יתברך.

**כד. אמר,** דער פילאָזאָף האָט געזאָגט, עס איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך זאָל העלפן דעם מענטשן ווי דאָס וואָס ער זאָל זיך נישט אָנפּאַרטרויען אין דעם גוטס פון דער וועלט, און איר זאָלט געבן פון אייער ברויט צו אַן אָרעמאַן צו יעדן צייט.

**דער מענטש זאָל זיך גוט איינקוקן אין אַלע זיינע מעשים, צו עס איז נישטאָ אין זיי קיין עבירה.**

**כה. וראשונה,** צום ערשטן דאַרף דער מענטש גוט אַריינקוקן אין זיינע מעשים, אויב אין זיי איז נישטאָ קיין עבירה פון די האַרבע עבירות וואָס טרעפן זיך אָפט, ווי גאוה, כעס, לשון הרע, ליצנות און ליגן זאָגן. דאָס מויל וועט דאָך מיד ווערן פון דערציילן די האַרבקייט פון זייער זינד, דעריבער, זאָל ער גוט מדקדק זיין נאָך זיי, און דאָס וועט אים ברענגען ער זאָל זיך אָפּטראָגן פון די נישט גוטע זאַכן און וועט אַנטלויפן פון אַן עבירה.

**דער מענטש זאָל מקיים זיין מצוות מיט אַלע פרטים און דקדוקים. – אָפּענע תוכחה צו די וועלכע זאָגן אַז מען דאַרף נישט מקיים זיין מילי דחסידי.**

**כו. כל,** וואָס העכער דער אָרט פון וואו די נשמה איז גענומען געוואָרן, און ווי גרעסער זי איז, מאַכט זיין זינד אַלץ מער אַ רושם אויפ׳ן הימל, און זיין שוגג איז גלייך צו אַ מזיד. דעריבער, דער

חכם און דער חסיד מוז נאָך מער איבערקלערן זיינע מעשים, און אויב ער האָט נישט געפונען קיין שום עבירה, זאָל ער טראַכטן אפשר האָט ער זיך געפוילט אין דער ליבשאַפט און פאָרכט, די אהבה און יראה, פון השם יתברך, און אפשר האָט ער נישט געטאָן קיין מעשים טובים ווי מען דאַרף צו טאָן, ווייל, דער וועלכער קען שטייגן העכער און העכער אין תורה און חסידות ביז ער וועט דערגרייכן די מדריגה פון די ריכטיגע חסידים און טוט עס נישט, דינט ער נישט השם יתברך ווי געהעריג, ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט בפירוש, אַז יעדער מענטש איז מחויב צו זאָגן ווען וועלן זיך מיינע מעשים גלייכן צו די מעשים פון מיינע עלטערן אברהם יצחק און יעקב, און ריש לקיש האָט געזאָגט אַז דאָס איז געגליכן צו אַ פשוטן מענטש, וועלכער האָט געהייראַט אַ טאָכטער פון אַ קעניג, איז אַפילו ער זאָל איר געבן די בעסטע און זיסטע שפייז אויף דער וועלט איז עס פאַר איר אַלץ נישט גענוג, ווייל זי איז אַ טאָכטער פון אַ קעניג, און ביי איר פאָטער האָט זי געהאַט בעסער. אַזוי אויך דער מענטש מיט די נשמה, וואָס פאַראַ מעשים טובים דער מענטש זאָל טאָן איז עס פאַר די נשמה אַלץ נישט גענוג, ווייל די נשמה איז גענומען געוואָרן פון אונטערן כסא הכבוד.

**כו. ומכאן,** און דאָס איז אַן ענטפער צו די וועלכע זאָגן אַז מיר דאַרפן מקיים זיין נאָר דאָס וואָס שטייט אין גמרא, אָבער דאָס וואָס שטייט אין זוהר און אין אַנדערע ספרים, דער וואָס איז זיי מקיים איז ער זיכער הייליק, אָבער דער וועלכער וויל זיי נישט מקיים זיין איז עס נישט גערעכנט ווי קיין זינד, און אים קומט נישט קיין שטראָף. איז עס נישט ריכטיג וואָס זיי זאָגן, און אים קומט טאַקע נישט קיין שטראָף דורך מענטשן, אָבער פון הימל וועט מען אים שטראָפן אויף דעם וואָס ער האָט נישט געטאָן קיין נחת רוח צו השם יתברך ווען ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן.

**כז. ורבותינו,** און אונזערע חכמים ז״ל האָבן דעריבער נישט אַרויפגעלייגט דעם חיוב אויף אַלע אידן, ווייל זיי

האָבן געוואוסט אַז דער רוב עולם קען אין דעם נישט ביישטיין, אָבער דער וועלכער האָט די מעגלעכקייט צו טאָן אַלץ וואָס עס שטייט אין זוהר און אַנדערע ספרים, מוז ער עס זיכער מקיים זיין, און צו השם יתברך האָפן מיר, ער זאָל אַריינלייגן זיין ליבשאַפט און זיין מורא אין אונזער האַרץ, מיט אמת און גאַנצקייט, מיר זאָלן נישט קומען פאַר אים פאַרשעמט, און מיר זאָלן זיין פון די וועלכע געפינען חן אין זיינע אויגן, און פון די וועלכע זעען די שכינה.

## זאַכן וואָס מען טאָר נישט טאָן צוליב סכנה

**כח. בענין,** דאָ וועל איך שרייבן פון די זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף זיך דערוויטערן פון זיי, כדי ער זאָל זיין געזונט צו דינען השם יתברך, ווייל אַ סכנה זאַך איז נאָך האַרבער פון אַ איסור, דעריבער, מוז ער זיך דערוויטערן פון אַ ספק סכנה, ער זאָל זיך נישט וואַשן אין דערפרי, מכל שכן ער זאָל דאָס מויל נישט אויסשווענקען. מיט וואַסער וואָס זענען געשטאַנען אויפגעדעקט ביינאַכט.

## דער וואָס לעשט אויס אַ ליכט מיט'ן מויל ווערט שטאַרק געשטראָפט (כל בו)

**אמרו,** אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, פיר זאַכן שאָטן זייער צו דעם געזונט, און דער וואָס טוט זיי וועט דערפאַר געשטראָפט ווערן. איינע פון די פיר זאַכן איז, אַז ער פאַרלעשט אַ ליכט מיט'ן מויל. און אַ מענטש זאָל אָפּווישן די הענט צווישן פיש און פלייש. ער זאָל נישט טרינקען קיין שום משקה וואָס איז געשטאַנען אויפגעדעקט, אַפילו בייטאָג.

**כט. כתב,** דער סמ"ק שרייבט, אַלע שווייסן פון אַ מענטש זענען ווי סם המות, חוץ די שוויס פון דעם פנים. ער זאָל נישט שטעלן קיין געקעכץ אונטער'ן בעט, כאָטש ער האַלט אין מיטן עסן, און וועט דאָס געקעכץ באַלד עסן, און אַפילו ווען ער דעקט עס צו מיט אַ אייזערנע כלי.

**ולא,** און ער זאָל נישט עסן קנאָבל, ציבעלע און אייער, וואָס זענען געלעגן אַ נאַכט אָפגעשיילטערהייט, און אַ טייל מענטשן עסן נישט צוריבענע קנאָבל אום שבת אַפילו אין פלייש, ווייל אום שבת טאָר מען דאָס נישט צורייבן נאָר פרייטיג, האָט עס דאָך גענעכטיגט אָפגעשיילטערהייט, און אַ טייל לייגן פרייטיג אַריין שאָלעכץ פון קנאָבל אין דעם, דעריבער עסן זיי שוין דעם קנאָבל אויך.

## קעגן די וועלכע טרינקען זיך אָן, און ווי אַזוי זיך צו אָפצוגעוואוינען דערפון.

**ל. בענין,** אין דעם ענין פון טרינקען ויין האָט אליהו הנביא אָנגעזאָגט פיל זאַכן צו רב יהודה. איינע פון זיי איז, דו זאָלסט זיך נישט אָנ׳שיכור׳ן וועסטו נישט זינדיגן, און מיר באַדאַרפן מקיים זיין די צוואה פון אליהו ז״ל אַז דער מענטש זאָל זיך אָפהיטן פון שכרות, ווייל, פון שכרות קומט ער צו שאַנדע, עס איז נישטאָ קיין שענדלעכע זאַך דערפון, און די גאַנצע וועלט פאַרדאַמט אים, ווייל אַמאָל טוט ער אַ זאַך אָדער ער רעדט רייד, וואָס ווען מען זאָל אים געבן פיל געלט וואָלט ער עס נישט געטאָן און נישט גערעדט, און אַלע האַרבע עבירות זענען ביי דעם שיכור גערעכנט ווי גאָרנישט, און ער זינדיגט אָן שכל, און פאַרלירט דעם שכל, און זיין תפילה ווערט נישט אָנגענומען. און וויבאַלד אונזערע חכמים ז״ל רעדן וועגן שכרות אין גמרא און אין מדרשים דעריבער בין איך נישט מאריך וועגן דעם.

**לב. להסיר,** כדי אָפצוגעוואוינען פון שכרות, דעם מענטש וואָס האָט זיך צוגעוואוינט דערצו, זאָל ער, נאָכדעם וואָס ער ווערט ניכטער, זיך אַריינטראַכטן אַלע מיאוס׳ע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן, און וואָס ער האָט גערעדט ווען ער איז געווען שיכור, דורך דעם וועט ער זיך דערווייטערן פון שכרות, ער זאָל מער נישט דורכפאַלן אין די מיאוסע זאַכן.

**ולפחות,** און צום ווייניגסטן וועט עס העלפן, אַז כאָטש ער וועט זיך ווידער אָנ׳שיכור׳ן, וועט ער פאָרט געדענקען עפּעס וואָס ער האָט געטאָן ווען ער איז געווען שיכור, וועט ער כאָטש זיצן און שווייגן, און וועט נישט רעדן קיין מיאוסע רייד.

**לג. יראה,** דער מענטש זאָל זען צו וואָס דאָס ווייַן ברענגט, דורך די ווייַן האָבן די אידן געזינדיגט אין מדין אין די עבודה זרה פעור, אין זנות און זמרי מיט כזבי, און דעריבער זענען אומגעקומען פיר און צוואָנציג טויזנט פון די אידן, דעריבער, זאָל דער שיכור פאַרלאָזן זייַן וועג, און זאָל זיך צוריק קערן צו השם יתברך, און זאָל בעסער לערנען תורה וועט קומען דער ווייַן פון תורה, און וועט פאַרגעבן אויף דעם ווייַן פון שכרות.

**הרי,** איך האָב כולל געווען אין דעם פרק הויכע און פאַרבאָרגענע זאַכן, וועלכע זענען אַנטפּלעקט פאַר יעדערן וואָס לערנט אין דעם ספר **״יש נוחלין״,** זיי העלפן דעם גוף און די נשמה, און איך האָב אויך צוגעגעבן עטלעכע זאַכן.

❁ ❁ ❁

## הוספה לאות ו׳ - ע׳ ו׳

## אַ מעשה נורא פון ספר חסידים - בענין ברכות

**אין** ספר חסידים ווערט געברענגט אַ מעשה מיט איינעם וואָס איז געשטאָרבן פאַר די צייט, און נאָך צוועלעף חדשים האָט ער זיך אַנטפלעקט צו איינעם פון זיינע קרובים. האָט ער אים געפרעגט, ווי גייט דאָס דיר אין דער וועלט וואו דו ביסט? האָט ער אים געענטפערט: אַז יעדן טאָג משפט מען אים פאַרוואָס ער האָט נישט מדקדק געווען צו בענטשן די ברכות פון "**המוציא**", "**ברכת-הפירות**" און "**ברכת-המזון**" מיט כוונה, ווי עס דאַרף צו זיין, און די ממונים וועלכע משפט'ן אים זאָגן: האָסט געגעסן צו דיין הנאה! האָב איך אים געפרעגט, מיר ווייסן דאָך אַז דער משפט פון רשעים אין גיהנום איז נאָר צוועלעף חדשים? האָט ער מיר געזאָגט אַז מען משפט מיר נישט אין גיהנום מיט האַרבע דינים, נאָר מען משפט מיר אויסערן גיהנום מיט גרינגע דינים. און די וועלכע זענען באַפולמעכטיקט אויף מיר זאָגן אַז אַלעס איז פאַר מיין טובה-וועגן, כדי איך זאָל זוכה זיין אַריינצוגיין אין גן-עדן און באַקומען מיין פולן חלק ווי עס דאַרף צו זיין. און יעדער זאַך וואָס אַ מענטש טוהט ווערט פאַרצייכנט אויבן, און פאַר יעדן זאַך איז דאָ אַ לוין און אַ שטראָף, און וואויל איז דעם וואָס גייט אַרויס זכאי פון בית-דין-של-מעלה.

(קב הישר)

## נישט ריידן צווישן מים אחרונים און ברכת המזון

**דער** אריז"ל האָט זייער מקפיד געווען נישט צו ריידן נאָך מים אחרונים אַפילו דברי תורה, איין מאָל איז צו אים צוגעקומען איינער פון ר׳ משה קאָרדעוואָרעס תלמידים. דער אריז"ל האָט אים זייער שיין אויפגענומען, אַמאָל אין מיטן עסן האָט דער אריז"ל באַמערקט פון זיין עסן אַז ער איז אַ חולה, האָט דער אריז"ל ביי אים געפרעגט וואָס איז מיט דיר, דער אורח האָט אים געענטפערט אַז ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט ווי דער אַקסל טוט אים וויי. דער אריז"ל האָט זיך

פאַרטראַכט און געזאָגט אַוודאי האָסטו מפסיק געווען צווישן מים אחרונים און בענטשן, האָט דער אורח געזאָגט אמת, איך פלעג לערנען אַ פרק משניות נאָך מים אחרונים. דער אריז״ל האָט ווייטער געזאָגט, ווייל דו האָסט עובר געווען אויף די רייד פון חז״ל וואָס האָבן געזאָגט אַז תיכף נאָך מים אחרונים זאָל מען בענטשן, און דער וואָרט תיכף איז די זעלבע אותיות פון כתף (אַקסל) דערפאַר האָסטו ווייטיגן אין אַקסל. זיי אויף זיך מקבל אַז דו וועסט מער נישטריידן נאָך מים אחרונים וועסטו גלייך געזונט ווערן, און אַזוי איז געווען ער האָט מקבל געווען אויף זיך און איז גלייך געזונט געוואָרן. (דאָס ווערט געבראַכט אין דעם ספר ״קב הישר״ פרק פד)

## דער עונש פון נישט מאַכן אַ ברכה

**דער** הייליגער ר׳ וועלוועלע זשיטאָמירער זי״ע איז אין זיינע פריערדיקע יאָרן געווען אַ בעל מזיגה (קרעטשמער) וואו אידן און להבדיל גוים פלעגן קומען און נעמען אַ טרונק בראָנפן. אַמאָל איז צו אים געקומען אַ פאַרגרעבטער מענטש, ער האט געקויפט אַ ביסל משקה און האָט עס אויסגעטרונקען אָן אַ ברכה, רופט זיך אָפּ ר׳ וועלוועלע און זאָגט אים אַזוי, וויסן זאָלסטו אַז די נשמות וואָס דאַרפן אַ תיקון ווערן מגולגל אַזוי לאַנג ביז זיי קריגן זייער תיקון, ס׳איז דאָ נשמות וואָס ווערן מגולגל אין אַ דומם אַ שטיק ערד, און אַז מ׳זייט תבואה אויף דעם פעלד באַקומט די נשמה אַ עליה פון דומם און צומח אָבער די ניצוצי נשמות זיינען שטענדיג אין אַ פחד, אפשר בשעת די קצירה און אויך ביים צוזאַמענקלייבן די תבואה זאָל דער קערענדל נישט פאַרפאַלן ווערן, און ווען השי״ת העלפט שוין אַז זי איז געבליבן, איז ווייטער דער פחד אַז בשעת מען וועט דערפון מאַכן אַ מאכל אָדער משקה זאָל דאָס נישט אָנקומען צו אַ גוי, און, זאָגט ר׳ וועלוועלע צו דעם אידן, בשעת דער אויבערשטער האָט געהאָלפן און ס׳איז אָנגעקומען צו אַ איד, איז אַנשטאָט צו מאַכן אַ ברכה און מתקן זיין די נשמה נעמסטו און טרינקסט אָן אַ ברכה, און ווער ווייסט, אפשר איז

דאָס גאָר געווען די נשמה פון דיין טאַטן וואָס זי איז מגולגל געוואָרן אין די תבואה בכדי זי זאָל האָבן אַ עלי׳ דורך דיין זון, באַטראַכט זיך וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן. דער איד דערהערנדיג די ווערטער, און דערמאָנענדיג זיך אַז היינט איז טאַקע דער יאָרצייט פון זיין טאַטן, האָט אַוועקגע׳חלש׳ט. דערנאָך איז ער געקומען צו ר׳ וועלוועלע׳ן און געבעטן ביי אים אַ תיקון, און ער איז געוואָרן אַ גאַנצער בעל תשובה. גענוג אַ שאַרפער מוסר פאַר די וואָס גיבן נישט אַכט צו מאַכן אַ ברכה מיט די ריכטיגע כוונה.

## אַ ברכה דאַרף מען מאַכן מיט כוונה

**דער** הייליגער רבי שמעלקא פון ניקלשבורג זצוק״ל האָט אַמאָל געזאָגט פאַר זיינע תלמידים, ווער עס זאָגט ניט די ברכה פון אהבה רבה אָדער אהבת עולם, אָדער די ברכה פון אתה חונן מיט כוונה קען ער ניט דעם טאָג מחדש זיין אַן אמת׳ן חידוש. האָט זיך איינער פון די תלמידים אָנגערופן, אָט ער האָט היינט [ניט מכוון געווען אין די ברכות און פונדעסטוועגן האָט ער מחדש געווען אַ חידוש. האָט רבי שמעלקא זי״ע אים געבעטן איבערזאָגן דעם חידוש, און רבי שמעלקא זי״ע האָט אים אויפגעוויזן אַז דער חידוש איז נישט אמת. (עס ווערט געברענגט אין דעם ספר ״ליקוטי תורה״ פון דעם הייליגן טשערנאבילער זצ״ל)

## עוד בענין ברכת המזון

**מעשה שהי׳ בחסיד אחד לפני הרב הגאון המקובל אלקי קדוש יאמר לו מו״ה מאיר מרגליות זצ״ל אבד״ק לבוב בעמח״ס ״מאיר נתיבים״:**

**חסיד** אחד, מתלמידיו שהי׳ מתנהג בחסידות וביראת ה׳ כל ימיו ועשה צדקה כפי כחו, והי׳ לו צער גדול שלא זכה לגדל בניו, שכל בניו שנולדו לו לא שמח בהם כי מתו בקטנותם ר״ל ומאד גדל צערו ע״ז, ולא הניח דבר רפואות וסגולות וקמיעות שלא עשה ולא הועיל לו כלום. יום אחד נסע לרבו הקדוש רבינו בעל ״מאיר נתיבים״ זצ״ל, והסתכל בו הרב שהוא סר וזועף, שאל לו הרב למה פניך זועפות,

וענה החסיד וא"ל אדוני מורי ורבי מה אענה ומה אומר גודל צרתי ומזלי הרע, שמכל הבנים שילדה לי אשתי לא יחיו יותר משמונה ימים שלימים, ולא ידעתי מה לעשות ולא אוכל עוד לסבול הצער הגדול אשר יש לי, והיום באתי לפני אדמו"ר להתחנן לפני השי"ת להתפלל עלי ויתן לי איזה תרופה ועצה טובה כדי שיחיו בני ויוציא זאת הדאגה מלבי. באותה שעה שאל לו הרב מה מעשיך והנהגותיך בזה העולם, וסיפר לו כל מעשיו ועניניו והנהגותיו בעבודת השי"ת ומצותיו כל הימים, וראה הרב איך דרכיו מתוקנים ביראת ה' והכל לש"ש, ונשאר הרב בהול במחשבתו לידע מה הוא הגורם להחסיד הנ"ל העונש הלזה.

**ואחר** עבור זמן כמו שעה אחת והוא יושב ודומם מחשבותיו הטהורים לבוא אל האמת על מה זה ולמה באו להחסיד מקרים כאלה, וגם אותו החסיד יושב כנגדו באימה וביראה מצפה ומחכה לתשובה, ובתוך כך שאל הרב להחסיד הנ"ל תודיענו כיצד הנהגתך בשעת אכילתך ובשעת ברכת המזון, ענה האיש וא"ל תדע אשר איזה פעמים בימי הקיץ שאני נכנס לבית עיף ויגע מרוב חמימות אני פושט בגדי העלונים כדי להתקרר מעט ובין כך בא עת האוכל ביום או בלילה, ואני יושב לאכול כך בבגדי התחתונים לבד בלתי המלבושים העליונים, היינו הבגד העליון אשר אלך החוצה, וכשאני גומר סעודתי אני מברך ברכת המזון בזה האופן.

**אכן** נודע הדבר – אמר לו הרב – וזהו סיבת מיתת בניך. ובכן אם תשמע לעצתי תקבל עליך שמהיום והלאה לא תוסיף עוד לעשות כזאת, ולעולם הזהר כשתשב לשולחנך ללבוש כל בגדיך ותברך ברכת המזון מעוטף בבגדיך באימה וביראה, זה השלחן אשר לפני ד', ואני ערב לך שמהיום והלאה תזכה שיחיו בניך הנולדים לך ותשמח בהם, וכן הי', שקבל עליו לעשות כמו שצוהו הרב, וזכהו השי"ת בבנים זכרים חיים וקיימים וגדלם בכ"ט, וראה דור ישרים יבורך.

ע"כ המעשה.

**המורם** מזה המעשה, כמה חמור עון המברך בלא עיטוף בגדיו וארכבותיו דא לדא נקשן רוכבות זו על זו ומברך בלי כוונה כמצות אנשים מלומדה בהרגל פיו דוקא מבלי יבחין מה שמוציא מפיו, אוי לה לאותה בושה מה יענה לפני שוכן רומה שבעת אוכלו יושב כלביא לטרוף טרף למלא בטנו ולא יתן אל לבו מי הוא הזן אותו להטריפו לחם חוקו כדי לברכו ולהודות לו על גמולו הטוב, שאלמלא שפעת מד׳ הטוב אין ביד האדם להרויח אפי׳ כחוט השערה, ולא עוד אלא כי ענוש יענש, והוא לא ידע כי בנפשו הוא ובאים לו חולאים רעים או מיתת בנים או עניות ר״ל, והכל הוא מטיל אותו במקרה, וכמו שראינו בהאיש הזה שהי׳ שלם ביראת ה׳ שלא נמצא בו אלא טעות זה שלא במתכוין ונענש במיתת בנים ר״ל, וכשתיקן מעוותו ה׳ ריחם עליו ומילא רצונו וזכה לבנים לחיים.

**כן** יזכנו הא-ל להיות יראתו תמיד על פנינו בכל עת ובכל רגע בשכבינו ובקומינו, אמן כן יהי רצון.

(אוצר הסיפורים)

❖ ❖ ❖

## הוספה לאות ט"ו - ע' י'

## בענין טבילת עזרא

**א.** גודל הנחיצות לטבול במקוה – לעת הצורך.
**ב.** היאך להתנהג באין לו מקוה באותו מקום.
**ג.** היאך לנהוג כל הזמן עד הטבילה בבוקר.

**א)** כבר נתפשט ליזהר בטבילת עזרא (עי' או"ח סי' פ"ח) וכמו שהזהירו פוסקים וספרים ליזהר בו גם בזה"ז שיש בו מעלות עצומות לטהרת הגוף והנפש ומאריכין ימיו ושנותיו, ועוד יש בו תועלת עצומה הבאתיו בביאורים. ומדקדקין לקום בבוקר באופן שיעלה בידו לברך ברכת התורה וקר"ש בזמנו אחר הטבילה במקוה. ובעש"ט הק' הזהיר מאד אף באונס ודוחק לטבול עכ"פ פעם אחת ולא יזיק לו המקוה, וכיון שאין החתן יוצא יחידי מביתו יזמין את בר לוויתו באופן שיהי' לו פנאי לטבילה וקר"ש ולא יצטרך לסמוך אדיעבד לקרות את שמע קודם טהרת מקוה. וגם בשבת קודש נזהרין לטבול טבילה זו כמבואר בפוסקים. ומצוה על כל צבור לתקן מקוה חמה בכל יום והעושה כן מאריך ימים.

**ב)** כמו כן יש לדקדק ולהזהר מאד לטבול במקוה אם ח"ו נכשל במקרה לילה רח"ל שזה מועיל למחות כח הטומאה הנולד אם טובל מיד ביום ההוא. וטובלין בכל ימות השנה לבד יוה"כ וט"ב.

**ג)** מובא בספרים דאפילו על חלום רע [שחלם לו שבא ע"א וכ"ש אחרת] אפילו לא נכשל במקרה ח"ו יזהר מאד בטבילה דיכולין הקליפות להזיק לבנים קטנים ח"ו והוא עוד יותר ממעשה רע בעצמו רח"ל, אבל בטובל בבוקר אין להם כח להזיק. (הקדמת ס' אור עינים להרה"ק מהרא"צ סאפרין מקאמארנא זצ"ל בן בעל שלתה"ט זצ"ל).

**ד)** בזה"ז הטבילה חובה יותר מבימי קדם מפני מקואות חמין דשכיחי בכ"מ, וע"כ אין להביא ראי' ממה שהקילו בו בימים קדמונים שלא יכלו לעמוד בו משא"כ בזה"ז (פרהש"ד ח"ד סי' ב' תורת חיים סי' פ"ח).

ומצינו בפוסקים האחרונים שהפליגו במעלת וחובת הטבילה בזה"ז ואפרוט תמצית דבריהם.

**א.** הרגיל בו הוא כנדר ואין רשאין לבטלו (שו"מ, חסל"א, יד יצחק, פרהש"ד, עין יצחק, שלמח"מ). **ב.** י"א דלא מהני התרה (שו"מ, עין יצחק), ויש מקילין (חסל"א, יד יצחק, ש"מ). **ג.** בטלוהו רק לתורה ולא לתפלה (שו"מ). **ד.** מקיים מ"ע מרמ"ת מ"ע ונפשו מזדככת כדי החינוך (אוצה"ח קאמארנא). **ה.** המחמיר תע"ב (פמ"ג), וכן נהגו אנשי מעשה (ח"א). **ו.** מנהג יפה הוא שאין למעלה הימנו, שתעלה עי"ז תורתם ותפלתם למעלה בקדושה וטהרה (כה"ח). **ז.** אין רשות לקהל לסגור המקוה, אפי' שכוונתם שמא על ידי זה ימנעו הנשים מלילך (עין יצחק, שו"ת נפש חיי).

**ח.** לזה כוונו חז"ל באמרם "תלמיד חכם שאין בו דעת נבילה טובה הימנו" (מד"ר ויקרא פ"א) עפ"י אמרם (שבת פ"ב) דעת זה טהרות, ור"ל ת"ח שאינו טובל לצורך, נבילה טובה הימנו, דטומאת קרי חמור מנבילות, שיוצא מגופו (שו"ת דבר משה). **ט.** אין לסתור מקוה ישנה לבנות במקומה חדשה דביטול אנשים ממקוה לאו מילתא זוטרתא הוא (אמרי יושר). **י.** הזהיר בטבילת עזרא יהי' מובטח שלא ישלוט בו דבר כישוף, וכל שונאיו יפלו תחתיו. וכל הדינים שעליו נמתקין, וכל אריכות הגלות, וצרות הבאות על ישראל בדור הזה בשביל שבטלו טבילה זו (סגולות ישראל).

**ה)** אעתיק תמצית לשון הקדמונים במעלת טבילת עזרא:

**א.** הרמב"ם העיד על עצמו שמעולם לא ביטל טבילה זו והטובל במקוה כטובל במימי הדעת (תר"י ברכות כב.). **ב.** דעת רב האי גאון דדוקא לקר"ש בטלוהו ולא לתפלה (שם). **ג.** התפלה יותר מקובלת בטבילה – לד"ה (שם). **ד.** הנזהר בטבילה זו – מדה טובה ומשובחת – יודע דרך טוב – ורוב טובה יחזו בה – ותע"ב (חינוך מצוה קי"פ). **ה.** טבילה זו קדושה גדולה (מאירי ברכות כב.). **ו.** אם יטהרו עכ"פ ש"ץ בכל מקום ימהרו ביאת הגואל (שו"ת מן השמים ה') ובזה"ז כל יחיד דינו כש"ץ (קצה המטה). **ז.** טבילת בע"ק הוא ענין קידוש השם בפני גוים (תשובת הגאונים, ס' הפרדס לרש"י ז"ל). **ח.** מי שהוא בעל נפש ירגיש בנפשו שינוי כל עוד שלא רחץ לקריו, וכבר נוסה שמפסידין במגעם דברים דקים כפנינים ויינות (ס' הכוזרי מובא בדע"ת).

**ו)** נעתיק עוד תמצית הנאמר בספרן של צדיקים במעלת וחובת טבילה זו:

**א.** עיקר כוונת עסקו בתורה תהי' להשיגה וכו' וכדי שלא יהי' עיכוב להשיגה לא יעצב לעולם ולא ימנע עצמו לעולם להיות טהור ע"י טבילה (משנ"ח שארית יום ראשון). **ב.** הנזהר בטבילה מתחבר להקב"ה להיות אחד כביכול ואשרי חלקו, ואם אינו נזהר ח"ו מקצץ בנטיעות (האריז"ל). **ג.** לא יאמר דבר שבקדושה בעוד טומאתו עליו – אם לא מאונס ודוחק גדול – עפ"י האריז"ל (ר"ח, באה"ט, שלחה"ט). **ד.** הבעש"ט הק' הזהיר מאד אף באונס ודוחק גדול לטבול בהכרח עכ"פ פעם אחת (שלחה"ט). **ה.** קבלה בידינו מקוה"ק רוח אפינו הבעש"ט זצ"ל, כשצריך למקוה וטובל עצמו לא יזיק בשום אופן (משמרת שלום). **ו.** א"א להשיג תכלית יראת ד' אלא הנזהר בטבילה זו (מאור ושמש פ' אמור). **ז.** הלומד ומתפלל בלי טבילה זו א"א בשום אופן להגיע לגופי תורה ומצות (שם). **ח.** הלומד ספרי קבלה והוא בלתי טהור יוכל חלילה לבא ע"י לאפיקורסות (שם). **ט.** בזמנים הקדמונים לא היו יודעין מיראת הרוממות כלל, מחמת שהיו לומדים תורה ולא נזהרו בטבילה זו (שם). **י.** הכת ש"ץ ימ"ש נעשו אפיקורסים על שלמדו ספרי קבלה בטומאת הגוף (שם). **יא.** הי' העולם שמם עד שבאו שני המאורות הגדולים לעולם הבעש"ט הק', ואדמו"ר הרב ר' אלימלך נבג"מ, והם פתחו שער לד' צדיקים יבוא בו שלא יהרהר אדם שום הרהור תורה עד שיטבול עצמו לקריו שחכמי הגמ' לא בטלוהו אלא מפני שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בה, אבל אותן האנשים הרוצים להשיג גופי

התורה ומדות צריכין להיות נזהר מאד בטבילה זו (שם). **יב.** אחד מג׳ דברים להסיר מונע התפלה – מקוה (ליקוטי תורה, קצוה״ש). **יג.** האדם הרוצה ליכנס לעבודת השי״ת ולהיות ירי״ש לאמיתו צריך לשמור טבילת עזרא – בלי לעבור – לעת הצורך (אורח לחיים), וביותר לתפלה צריך לטבול עצמו (שם) וצריך אדם הירא לשמור זאת שלא יעבור חלילה ע״ז (שם). **יד.** אפילו לא יוכל לטבול בבוקר יטבול באותו היום אפילו לפנות ערב (דרך אמונה ומעשה רב). **טו.** עיקר טהרת הלב ליזהר ללמוד לשמה להיות התי״ח נזהר במקוה (סידור לב שמח). **טז.** הגה״ק מהר״מ מנאדבורנא זכי״ע אמר **בע״ק אסור בתורה ותפלה**, ובעלי שו״ע היו בעלי רוחה״ק והבינו שאם יאסרו תורה מה תהא בה. אבל האמת הוא שבע״ק אסור בתורה ובתפלה (מאמר מרדכי). **יז.** טבילה יותר חשובה מקרבן ע״ג המזבח (מגיד תעלומה). **יח.** נכון מה שנזהרין בכ״מ שעכ״פ הבעל תפלה לא יעמוד לפני העמוד אם לא הי׳ מקודם בבוקר במקוה (נמוקי או״ח). **יט.** בעל ערוגת הבשם זצ״ל מזהיר באזהרה בתר אזהרה ליזהר בטב״ע (הכנה דרבה).

**ז)** כבר הבטיחו לן קדושי עליון שהבא לטהר מסייעין לו להזדמן לו טהרה. וגם מי שהוא חלוש וכיוצא יטבול עכ״פ פעם אחד ולא יזיק לו דבר.

**ח)** אם אירע שנתאחר השעה ואם ימתין עד אחר הטבילה יעבור זמן קר״ש. יקרא קר״ש לפני זה כי אין הטבילה דוחה מצות קר״ש בזמנו. מיהו אם באפשרות לקרות קר״ש לפני סוף הזמן – אם לא יאמר ברכת התורה לפני זה – יקרא קר״ש לפני ברכת התורה.

וכבר הארכתי במקום אחר דלא נכון הדבר מה שסומכין לקרות את שמע רגעים אחדים לפני סוף הזמן ולפעמים שוהין בהמקוה ושאר הכנות בעצלתיים על סמך זה. דמלבד שמבואר בשו״ע (סי׳ נ״ח ס״ב) דיש להקדים לקרותה במהרה כל מה שיוכל. עוד זאת דא״א לצמצם הרגעים, ופעמים שהמורה שעות אינו מדויק על הרגע ויוכל לעבור על הזמן בלי יודעים. ועוד דלפעמים יזדמן אונס ברגע האחרון כמו הצורך לנקבים וכיוצא באופן שאסור לקרות קר״ש. ואונס כזה קרוב לפשיעה כיון שאפשר להקדים בקצת זריזות ומיעוט שיחה.

**ט)** ישנם כמה דברים העלולין לדחות קריאת שמע מצד חיוב קיומן בצירוף הטבילה וע״כ נכון לדעת בכל כי האי גוונא מה קודמם, ואפרטם: **א.** טבילה או ברכה התורה – טבילה קודמת להרגיל בו. **ב.** קר״ש או ברכת אשר יצר – קר״ש קודם. **ג.** טבילה או נקיון הגוף – טבילה קודם. **ד.** ברכה״ת או קר״ש – קר״ש בזמנו עדיף, ואפילו יש עדיין זמן קר״ש מאוחר לפניו.

**י)** אף אנשי מעשה הנוהגין בטב״ע אל יבטלו מפני זה לא תורה ולא תפלה וגם בלילה בעוד שלא טבל, ולא ימנע מלקום באשמורת מלעסוק בתורה.

**יא)** ומ״מ יזהר מאד שלא יעסוק אז בסתרי תורה אלא בנגלה. ואם לומד בספר שמביא קטעים מזוה״ק [כמו ראשית חכמה וכיוצא] ידלג עליהם. וכן ימנע מאמירת פסוקים שיש בהם אזכרות שמות כשאפשר.

**יב)** ברואה שלא יספיק הזמן לטבול לפני ברכה״ת וקר״ש יש עצה ותקנה מהאריז״ל ובעש״ט הק׳ זכ״ע לרחוץ הידים בכלי בסדר מיוחד ויעלה לו במקום מקוה עד שיהי׳ לו מקוה וזהו הסדר:

הנה השם הוי׳ ב״ה במילוי כזה יו״ד – ה״י – וי״ו – ה״י הן סך הכל עשר אותיות. יקח הכלי ביד ימינו ונתנו ליד שמאל. ומתחיל לערות על יד ימין פעם אחד ומכוין לאות ראשונה שהוא **י׳**. אח״כ מערה על ימין ומכוין לאות **ו׳** ואח״כ על שמאל ומכוין לאות **ו׳** מערה על ימין ומכוין לאות **ד׳** ככה ימשיך עד שיגמור כל עשר אותיות ע״י נט״י בדילוג פעם אחד על ימין ופעם על שמאל.

אח״כ מערה על יד ימין עשר פעמים רצופין ומכוין לכל עשר אותיות זה אחר זה אות אחד לכל נטילה ואחריו עשר פעמים על יד שמאל רצופין ומכוין להעשר אותיות אות לכל נטילה.

וסדר זה להמרגיל עצמו בו בזמן קצר נעשה קל למאד אף שתחלתו נראה כי כבד ממנו הדבר ההרגל נעשה טבע וכשכבר נתרגל בו ימשך הנטילה מרישא עד גמירא מינוט אחד ולא יותר. וחבל להתעצל בדבר כזה שעולה בניקל וראשו מגיעה השמימה. ונכון שבלילה מיד אחר קיום העונה יטול ידיו בסדר זה. ויצטער על שא״א לו לעת עתה לטבול ממש ויחשוב בעת הנטילה שבזה סר הטומאה ומתלבש ומ״מ לא יסמוך ע״ז לקום מאוחר בבוקר כי עצה זו נתקן לאונס ולא לסמוך ע״ז לכתחילה וכדלעיל.

❖ ❖ ❖